שנה ג'
נומער קכ"ד
**פרשת קדושים**
תשפ"ב

# קרית ברסלב בלעטל



די קינדער פון תלמוד תורה היכל הקודש קרית ברסלב ליבערטי

## זינגען צום אייבערשטן

אין פארק



תלמוד תורה היכל הקודש וויליאמסבורג ביים מאכן א ברכה אויף דיביימער

א סעודה מיט'ן ראש ישיבה שליט"א:
**אכטונג געבן אויף ריינקייט**

בילדער ארכיון:
**תלמוד תורה היכל הקודש אין די ערשטע יארן**

קרית ברסלב בלעטל

רעדאקציע
**מרדכי אינדיג**
**אברהם הערש וועבערמאן**
**אברהם יצחק אייזנער**
**יחזקאל שרגא שארף**

**צו באקומען די וועכנטליכע קרית ברסלב בלעטל אפגעשיקט צו אייער טיר רופט:**

718.387.2691
subscribe@kerenhadfusa.org

**צו אדווערטייזן אדער אריינצושיקן א מעסעדזש צו די רעדאקציע בריוו אדער הגהות רופט:**

845.379.1161
breslevofficeliberty@gmail.com

**קול ברסלב:** 212.444.9191
**חיזוק פאר די אידישע שטוב:**
212.444.9169
BRESLEVCENTER.COM


## בריוו צו דער רעדאקציע

### הפצה ראטעוועט

איך האב געהערט גאר א אינטערסאנטע מעשה פון א משפחה וואס באקומט יעדע וואך דעם קרית ברסלב בלעטל, איך וויל דאס מיטיילן מיט אייך.

אין די משפחה איז דא א בחור וואס איז לעצטענס א חתן געווארן, דער חתן לייענט דעם בלעטל יעדע וואך, און האט אנגעהויבן הערן די שיעורים פונעם ראש ישיבה, עס איז געקומען פסח ביינאכט ביים סדר, האט ער געכאפט די אפיקומן פונעם טאט'ן, ביים צוריק געבן די אפיקומן, פרעגט דער טאטע פונעם בחור: "וואס דארפסטו פאר אפיקומן?" רופט זיך אן דער בחור: "טאטי איך וויל זאלסט יעדן טאג בעטן דעם אייבערשטן איך זאל חתונה האבן און אויפשטעלן א ערליכע אידישע שטוב."

דער טאטע פארציילט מיר אז ער איז געווארן אזוי איבערגענומען, ער האט נישט געגלייבט וואס ער האלט דא מיט, א בחור דארף נישט גארנישט, נאר אז זיין טאטע זאל בעטן פאר אים ער זאל האבן א ערליכע לעבן נאך די חתונה.

גייטס ווייטער אן מיט די הייליגע ארבעט. הצלחה רבה.

## זמנים Liberty

**הדלקת הנרות........07:44**
**מוצאי שבת ........... 09:16**

**פרשת קדושים ו' אייר תשפ"ב**

**מנחה מעריב פרשת אמור...08:45**

| | | |
|---|---|---|
| Fri 06 | 61°/42° | Showers |
| Sat 07 | 56°/36° | AM Showers |
| Sun 08 | 60°/36° | Partly Cloudy |
| Mon 09 | 65°/41° | Partly Cloudy |
| Tue 10 | 70°/45° | Mostly Sunny |
| Wed 11 | 73°/49° | Partly Cloudy |
| Thu 12 | 73°/48° | Partly Cloudy |
| Fri 13 | 69°/48° | Partly Cloudy |


בעזרת השם יתברך

## בית התבשיל קרית ברסלב ליבערטי

אזוי ווי עס קומט שוין די הייסע זוממער טעג, גרייט זיך בית התבשיל נאכאמאל צו באנייען די "וואסער סטאנציעס" אין אפאר וויכטיגע לאקאציעס אין שטעטל, פאר די געברויך פון די חשובע איינוואוינער וואס גייען און קומען במשך שבת און יום טוב, און אזוי אויך פאר די געסט וואס ציען זיך ארויס פאר די זוממער טעג.

דאס יאר וועט עס ווערן צוגעגרייט שענער און בעסער ווי פארגאנגענעם יאר, עס וועט זיין צוגעשטעלט א טענט זיך צו באשיצן פון די היץ, אהערגעשטעלט מיט פיינע קאלטע וואסער אינעם טענט.

איר קענט יעצט האבן דעם איינמאליגן געלעגענהייט צו אנטייל נעמען אין אזא חשובע מצוה פון מחיה זיין הונדערטער אידן יעדן איינציגן וואך.

**רופט יעצט שלמה יאקאבאוויטש**
**845-637-5367**

# שטעטל נייעס

## שמחות אין שטעטל



די שטעטל וואקסט און מערט זיך קע"ה, יעדע וואך מאכט זיך פרישע שמחות צווישן די איינוואוינער, מען זעהט באשיינפערליך אז די כח פונעם הייליגן רבי'ן און זיינע תלמידים באגלייט דעם שטעטל אויף טריט און שריט.

אפאר וואכן צוריק איז געבוירן געווארן א בן זכר ביי האברך ר' אהרן לונגער הי"ו למזל טוב, די ברית איז פארגעקומען צוזאמען מיט'ן פדיון הבן די פאראנגאנגענע וואך, ווען דאס קינד איז געלויבט דעם אייבערשטן געווארן געגנוג אנטוויקלט.

עס איז א ספעציעלע שמחה ביי די וואס געדענקן נאך די שטעטל פון אנהייב ווען עס האט זיך געגרינדעט, ווען ר' אהרן נרו יאיר איז געווען פון די ערשטע וואס האבן זיך אהערגעצויגן אין שטעטל נאך אלס בחור, און געשטאנען צו די האנט פאר'ן שטעטל מיט וואס עס האט זיך נאר אויסגעפעלט; אנגעהויבן מיט העלפן אין חדר, און געענדיגט ביים אויפפיקן די מיסט יעדע וואך פון אלע איינוואוינער. ר' אהרן האט זיך נישט אפגעשטעלט דעמאלטס, נאר ער העלפט נאך ביז היינט מיט וואס עס פעלט זיך אויס, בפרט אין חדר העלפט ער ארויס יעדן איינציגן טאג, זאל דער אייבערשטער העלפן ער מיט זיין אשת חיל זאלן זעהן אסאך נחת פון אלע קינדער עד סוף כל הדורות.

אויך איז געבוירן געווארן א מיידל ביי האברך ר' אהרן יצחק אפעלדארפער הי"ו וואס האט זיך לעצטנס אהערגעצויגן אין שטעטל, דער אייבערשטער זאל העלפן ער זאל זעהן אסאך נחת ביי אלע קינדער.

פאראנגענעם מאנטאג איז געבוירן געווארן א אינגל ביים מלמד אין שטעטל ר' יוסף שניטצלער הי"ו למזל טוב, דער אייבערשטער זאל העלפן ער זאל זעהן אסאך נחת ביי דעם קינד און אלע זיינע קינדער געזונטערהייט.

דער עיקר דארף מען געדענקן דאס וואס דער ראש ישיבה זאגט אונז שטענדיג, **"אויב מען וועט זיך ליב האבן אין שטעטל, מען וועט נאר זען דאס גוטס ביים צוויטן, מען וועט זיך אריינמישן אין יענעמ'ס לעבן צו העלפן יענעם מיט קאכן, באקן, נעמען יענעמ'ס קינדער וכדומה - וועלן אלע שכנים פארקויפן זייערע הייזער פאר ביליג".**

## בית השחיטה אין שטעטל



יעצט נאך פסח, נאכדעם וואס מען האט מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף געבאקן ברסלב'ע מצות אין שטעטל, רוקט מען זיך מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף פאראויס צום קומענדיג'ן זאך, דאס איז א "ברסלב'ע בית השחיטה".

געלויבט דער אייבערשטער דער ראש ישיבה רוהט נישט, ער זוכט נאר צו גיין א שטאפל ווייטער און ווייטער, העלפן אויפבויען דעם שטעטל אין אלע געביטן; און יעצט איז געקומען די צייט צו אהערשטעלן א שחיטה, מיט אינגעלייט וואס רעדן צום אייבערשטן יעדן איינציגן טאג.

די חשובע שוחטים וואס דער ראש ישיבה האט אויסגעקליבן לערנען זיך יעדן טאג מער און מער, סיי די הלכה חלק, און סיי די פראקטיק חלק, מען גייט אריבער צו מומחים און מען לערנט זיך אויס אלץ וואס פעלט זיך נאר אויס.

בלייבט נאר איבער צו בעטן דעם אייבערשטן פאר זייער הצלחה און סייעתא דשמיא אויף טריט און שריט.

## היכל הקודש נייעס

**וויליאמסבורג**

### צוועלף יאר אפגעצייכנט צו די עפענונג פון תלמוד תורה היכל הקודש ברסלב



מיט צוועלף יאר צוריק, אין די יעצטיגע טעג, גלייך נאך פסח תש"ע, האט דער אייבערשטער געהאלפן אז דער ראש ישיבה מיט נאך א הייפעלע פון אנשי שלומינו זענען אריינגעשפרינגען אינעם ים, און בס"ד געעפענט די טויערן פונעם נייעם חדר "היכל הקודש", וואס האט זיך דאן געעפענט אין וויליאמסבורג מיט בלויז עטליכע קינדער.

עס איז נישט דורך מער פון עטליכע יאר, און פון דעם איז זיך עס ברוך ה' צוואוקסן צו די פילע פארצווייגטע מוסדות "היכל הקודש", חדרים, מיידל שולעס, כוללים, און נאך, וואס האבן זיך געעפנט זייט דעמאלט אין וויליאמסבורג, קרית יואל, אין ברסלב ליבערטי און אין ירושלים.

די מוסדות היכל הקודש האבן שוין היינט גאר א ווייטע אפקלאנג, אלס א פלאץ וואו די קינדער ווערן נתחנך מיט תורה תפלה און יראת שמים על דרך ישראל סבא, מיט די אלע הייליגע עצות פון הייליגן רבי'ן, אויפ'ן וועג ווי אזוי מוהרא"ש האט אונז געלערנט, און דער ראש ישיבה שליט"א איז דאס ווייטער ממשיך.

הכרת פניהם ענתה בם. ווי עס זאגן עדות אלע עלטערן, זעט מען אויף די תלמידים ותלמידות א געוואלדיגע חן, אן איידלקייט, אן ערליכקייט און א תמימות, דאס קומט נאר פון די הייליגע תורה וואס די קינדער לערנען פלייסיג, און פון דעם וואס די קינדער רעדן צום אייבערשטן אויף די אייגענע שפראך די קינדער שמועסן שטענדיג מיט'ן אייבערשטן, אלץ האבן זיי צו פארציילן ניסים ונפלאות וואס דער אייבערשטער האט געטון מיט זיי, זיי דערציילן "מעשיות פון תפלה", ווי דער אייבערשטער האט זיי געהאלפן און האט צוגעהערט צו די תפילות וואס זיי האבן געבעטן.

מוהרא"ש האט אונז אויסגעלערנט אז ווען די אמונה ווערט איינגעבאקן אין די יונגע הערצערלעך, דאן וועלן זיי שוין לעבן מיט'ן אייבערשטן זייער גאנץ לעבן, זיי וועלן שוין קיינמאל נישט אוועקגיין פונעם אייבערשטן. אין יעדן מצב וואס זיי וועלן נאר זיין, וועלן זיי וויסן אז זיי האבן זיך צו וועם צו ווענדן.

עס איז מערקווירדיג איבערצוגיין וואס מוהרא"ש האט דערציילט פאר'ן ראש ישיבה מיט צוועלף יאר צוריק ווען ער איז געזעסן ביי מוהרא"ש יענעם חול המועד פסח און איז איבערגעגאנגען אלע פרטים איבער די נייע תלמוד תורה, האט מוהרא"ש דאן דערציילט וואס עס האט זיך אפגעשפילט אין וויליאמסבורג ווען מען האט געגרינדעט דער ערשטער ברסלב'ער בית המדרש אין וויליאמסבורג מיט איבער פופציג יאר פריער.

אין יענע יארן אינעם ברסלב'ער בית המדרש האט מען זיך דאן זייער געמוטשעט מיט מנין. ביי איין געלעגנהייט האט זיך דער גבאי פון בית המדרש אויסגערעדט פאר מוהרא"ש - וואס איז נאך געווען דאן א פרישער יונגערמאן - ווי שטארק ער מוטשעט זיך צוזאמצושטעלן דער מנין יעדן שבת. האט מוהרא"ש זיך צושמייכלט און זיך אנגערופן, "זארגט נישט, דא אין וויליאמסבורג וועט נאך זיין א ברסלב'ע תלמוד תורה!", און ווען עס איז דעמאלט אריבערגעפארן דארט באסעס פון פארשידענע חדרים, האט מוהרא"ש זיך אנגערופן צו אים, "דו זעעסט די באסעס? אזוי וועלן ארום פארן באסעס וואס וועט שטיין געשריבן אויף זיי "תלמוד תורה ברסלב וויליאמסבורג". פאר'ן גבאי וואס האט דאס געהערט האט דאס אויסגעזען ווי א גרויסער גוזמא, האט ער זיך אנגערופן צו מוהרא"ש, "איר חלומ'ט בהקיץ!", "יעצט" - האט מוהרא"ש אויסגעפירט פאר'ן ראש ישיבה - "זעט מען ברוך השם אז דער חלום איז מקוים געווארן"!

שטייענדיג צוועלף יאר שפעטער, זעט מען די הערליכע פירות וואס זענען ארויסגעקומען פונעם חדר, טייל פון די ערשטע קינדער אין חדר זענען שוין היינט מלמדים מומחים אין די מוסדות, אלע זענען אויפגעוואקסן לשם ולתפארת מיט א ברען צום הייליגן באשעפער.

**ביי די בילדער ארכיון האבן מיר געלייגט בילדער פון די ערשטע יארן ווען די תלמוד תורה האט זיך געעפענט.**

# ווער זענען זיי?

## תלמוד תורה היכל הקודש וויליאמסבורג
## שנת תשע"א



שיקט אריין די ענטפער צום
רעדאקציע

די ענטפער וועט זיין אם ירצה השם
אינעם בלעטל פון פרשת אמור



# מעשיות פון תפילה

### יעקב משה אינדארסקי - קרית ברסלב:

ס'איז געקומען נאנט צום יום טוב פסח ווען איך האב מיר דערזען אז איך דארף האבן געלט צו אהערשטעלן דעם יום טוב אבער איך האב נישט געהאט קיין געלט.

האב איך זיך דערמאנט אין די עצה וואס דער ראש ישיבה זאגט אונז אלס אז אויב מען האט נישט קיין געלט קען מען גיין נאך געלט, אזוי האב איך געטון.

איך בין געגאנגען נאך געלט אין קרית יואל ווען איך בעט שטילערהייט דעם אייבערשטן אז איך זאל גרינג מאכן שיין געלט צו קענען אריינברענגען דעם פסח.

שכח אייבערשטער אז אין נישט מער פון צוויי שעה האב איך געמאכט גאר א גרויסע סומע געלט וואס מען מאכט געווענטליך נישט אין א גאנצע טאג.

### שלמה רוטה - קרית ברסלב:

איך בין געווען אין קרית יואל ווען איך האב געדארפט אנקומען אין שטעטל צו בודק זיין די מקוה אין שטעטל און גרייט מאכן ס'זאל קענען ווערן אנגעפילט מיט וואסער מען זאל עס קענען אנפאנגען נוצן.

איך האב נישט געהאט קיין וועג אנצוקומען אין שטעטל, האב איך געבעטן דעם אייבערשטן אז איך זאל האבן א גרינגע געשמאקע וועג, איך האב צוגעזאגט צו מפרסם זיין די מעשה פון תפילה אין די בלעטל.

שכח אייבערשטער אז גלייך נאכדעם וואס איך האב געבעטן דעם אייבערשטן בין איך געוואויר געווארן פון איינעם וואס פארט יעצט צום שטעטל,

### ישראל סאמעט - קרית ברסלב:

איך בין געווען אויפן וועג פון שטעטל קיין וויליאמסבורג צוליב א וויכטיגע זאך וואס איך האב געדארפט ערלעדיגן, ווען איך האב באמערקט אז איך בין אויסגעלאפן פון גאז, איך האב זיך אפגעשטעלט אין די נאנסטע גאז סטאנציע אנצופילן דיין טאנק.

איך זוך אין מיינע טאשן פאר געלט צו באצאלן פאר די גאז אבער איך טרעף נישט קיין געלט, איך בעט דעם אייבערשטן "**הייליגער באשעפער, מאך מיר א מעשה פון תפילה, העלף מיר איך זאל נישט דארפן בלייבן שטעקן אינמיטן וועג און איך זאל האבן געלט פאר די גאז**".

ווי נאר איך ענדיג די תפילה טרעף איך אין מיין טאש א דעביט קארטל וואס איך האב געוויסט אז ס'האט נישט מער פון אפאר דאלער דערין. איך זאג צום ארבעטער וואס איז שוין געשטאנען גרייט אנצופילן די טאנק: "פיל עס אן פאר צוויי דריי דאלער".

ווי עס קוקט אויס האט ער פארשטאנען אז ער דארף עס אנפילן אינגאנצן, און אזוי האט ער געטון, ער האט אנגעפילט די גאנצע טאנק, איך האב זיך געוואונדערט וויאזוי עס קען זיין, ווען איך בין אנגעקומען אהיים האב איך אריינגערופן די באנק, זאגן זיי מיר אז ממש אפאר מינוט פאר איך בין געווען ביים גאז סטאנציע האט איינער - וואס האט מיר שוין א לאנגע צייט געדארפט שיקן א סכום געלט - מיר אריינגעשיקט געלט פונקט ווען איך האב עס אזוי וויכטיג געדארפט.

שכח אייבערשטער פאר די חסדים יעדן טאג און יעדע מינוט.

**סיי וואו איר וואוינט קענט איר איבערלאזן אייער מעשה פון תפילה.**

שיקט אריין אייער מעשה פון תפילה צו 845-379-1161

# א בריוו

### פונעם ראש ישיבה שליט"א

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת אַחֲרֵי-קְדוֹשִׁים, ג' אִיָּר, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן**

לְכָבוֹד ...

שְׁרַייבּ זִיךְ אַרוֹיס פוּן אַלֶע מֶעסִידְזְשׁ גְרוּפְּס, אֲפִילוּ פוּן דִי גְרוּפּ וָואס רוּפְט זִיךְ: "בְּרֶסְלֶב גְרוּפּ" אָדֶער "בְּרֶסְלֶב'עֶ פְרוֹיעֶן" וְכַדוֹמֶה; אוֹיבּ אִיז דָאס סְתָם בּוֹיךְ וֵויי פוּן יֶעדְן אֵיינֶעם זָאלְסְטוּ זִיךְ אַרָאפְּשְׁרַייבְּן פוּן דֶעם, **אַ שָׁאד אַוֶועק צוּ גֶעבְּן טַייעֶרֶע צַייט**, קָאפּ אוּן מֹחַ פַּאר נַארִישְׁקֵייטְן.

דֶער אֱמֶת אִיז אַז וֶוען מִיר הָאבְּן גֶעעֶפְנְט דִי גְרוּפּ פַּאר בְּרֶסְלֶב'עֶ פְרוֹיעֶן הָאט מֶען דָאס **גֶעעֶפְנְט נָאר פַּאר חֶסֶד** - זִיךְ הֶעלְפְן אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן; אֵיינֶער פְרֶעגְט אַן עֵצָה פוּנֶעם צְוֵוייטְן, אֵיינֶער פְרֶעגְט וִוי אַזוֹי מֶען קָאכְט אוּן בַּאקְט, אָדֶער צוּ מוֹדִיעַ זַיין וֶוען עֶס אִיז דָא שִׁיעוּרִים, חֵדֶר אוּן סְקוּל, אָבֶּער אַז עֶס וֶוערְט אַ גְרוּפּ פוּן אַרוֹיסְגֶעבְּן בּוֹיךְ וֵוייטָאג אִיז זִיכֶער כְּדַאי דוּ זָאלְסְט אַרָאפְּגֵיין פוּנֶעם גְרוּפּ.

עֶס אִיז גוּט צוּ הָאבְּן אַ גְרוּפּ צְווִישְׁן דִי פְרוֹיעֶן וואוּ מֶען שְׁרַייבְּט אוּן מֶען פְרֶעגְט נָאר פַּאר חֶסֶד זַאכְן וְכַדוֹמֶה, אָבֶּער סְתָם אוֹיסְשְׁוֶוענְדְן צַייט אִיז מַמָשׁ אַן עֲבֵירָה; דִי טֶעקְסְט מֶעסִידְזְשֶׁעס לָאזְט נִישְׁט עֶסְן, לָאזְט נִישְׁט שְׁלָאפְן אוּן לָאזְט נִישְׁט הָאבְּן צַייט פַּאר דִי מַאן אוּן קִינְדֶער.

בְּנוֹגֵעַ צִי מֶען מֶעג עֶסְן פְרַייטָאג צוּ נַאכְטְס נָאךְ לִיכְט צִינְדְן; וֶוען אַ פְרוֹי מַאכְט דִי בְּרָכָה "**לְהַדְלִיק נֵר שֶׁל שַׁבָּת**" - אִיז זִי מְקַבֵּל שַׁבָּת, דֶערִיבֶּער דַארְף זִי קוֹדֶם אָנְצִינְדְן דִי לִיכְט אוּן נָאכְדֶעם מַאכְן דִי בְּרָכָה, וַוייל וִוי נָאר זִי מַאכְט דִי בְּרָכָה וֶוערְט בַּיי אִיר שַׁבָּת, דֶערְפַאר טָאר זִי נִישְׁט צִינְדְן דִי לִיכְט נָאךְ דִי בְּרָכָה; אוּן אַז מֶען הָאט מְקַבֵּל שַׁבָּת גֶעוֶוען אוּן מֶען וִויל עֶסְן דַארְף מֶען קוֹדֶם מַאכְן קִידוּשׁ, מֶען טָאר נִישְׁט עֶסְן פַאר מֶען הֶערְט קִידוּשׁ, דֶערִיבֶּער אוֹיבּ אִיז מֶען הוּנְגֶערִיג אוּן מֶען קוּמְט נִישְׁט אָן צוּ עֶסְן פַּאר לִיכְט צִינְדְן זָאל מֶען טְרַאכְטְן בִּשְׁעַת מֶען צִינְדְט דִי לִיכְט אַז מֶען אִיז נִישְׁט מְקַבֵּל שַׁבָּת, אַזוֹי קֶען מֶען עֶסְן נָאךְ לִיכְט צִינְדְן, אוּן שְׁפֶּעטֶער בִּשְׁעַת מֶען דַאוֶוענְט דֶעמָאלְט אִיז מֶען מְקַבֵּל שַׁבָּת.

בְּנוֹגֵעַ יוֹם טוֹב, אִיז נִישְׁט קַיין שְׁאֵלָה צִי מֶען מֶעג עֶסְן וַוייל מֶען צִינְדְט אָן דִי לִיכְט בַּיי דִי סְעוּדָה.

בְּנוֹגֵעַ דִי קָאפּ צוּדֶעק; אֲפִילוּ מֶען שֶׁערְט זִיךְ אָפּ דַארְף מֶען נָאךְ אַלְץ אַכְטוּנְג גֶעבְּן אַז דִי קָאפּ זָאל זַיין צוּגֶעדֶעקְט, אוּן **דִי שְׂכַר פַּאר דֶעם אִיז קִינְדֶער צַדִיקִים.**

בְּנוֹגֵעַ לָאזְן דֶעם שַׁבָּת טִישְׁטוּךְ בִּיז זוּנְטָאג אִינְדֶערְפְרִי; עֶס אִיז דָא אַזַא מִנְהָג צוּ לָאזְן דֶער וַוייסְן טִישְׁטוּךְ בִּיז זוּנְטָאג אִינְדֶערְפְרִי, דָאס אִיז מְסוּגָל לְפַרְנָסָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין צוּ **בָּנִים וּבְנֵי בָנִים עוֹסְקִים בַּתּוֹרָה וּבְמִצְוֹת**, זֵיי וֶועלְן זַיין בְּרֶסְלֶב'עֶ חֲסִידִים, עֶרְלִיכֶע אִידְן.

# א שיחה

### פון דער ראש ישיבה שליט"א



## פֶּסַח שֵׁנִי

**דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאגְט:** מִיר פִירְן זִיךְ אַז מֶען זָאגְט נִישְׁט קַיין תַּחֲנוּן אִין דִי טֶעג פוּן פֶּסַח שֵׁנִי בִּיז נָאךְ לַ"ג בָּעֹמֶר וַוייל דִי טֶעג זֶענֶען זֵייעֶר הֵיילִיגֶע טֶעג (עַיֵין זוֹהַר הַקָדוֹשׁ, בְּהַעֲלוֹתְךָ קנב:).

פֶּסַח שֵׁנִי אִיז אָנְגֶענוּמֶען אַז עֶס אִיז דֶער יָארְצַייט פוּנֶעם הֵיילִיגְן תַּנָא **רֶבִּי מֵאִיר בַּעַל הַנֵּס**, אוּן גְלַייךְ נָאכְדֶעם גֶעפַאלְט דִי יוֹמָא דְהִילוּלָא פוּן דֶעם הֵיילִיגְן תַּנָא **רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי**. דִי הֵיילִיגֶע תַּנָאִים רֶבִּי מֵאִיר בַּעַל הַנֵּס אוּן רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי הָאבְּן אַרַיין גֶעבְּרֶענְגְט וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעלֶערְנְט בַּיי זֵייעֶר רֶבִּי דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָא רֶבִּי עֲקִיבָא (יְרוּשַׁלְמִי נְדָרִים ט, ד): "**וְאָהַבְתָּ לְרֵעֲךָ כָּמוֹךָ - זֶה כְּלַל גָדוֹל בַּתּוֹרָה**", אַז דִי מִצְוָה פוּן וְאָהַבְתָּ לְרֵעֲךָ כָּמוֹךָ אִיז אַ גְרוֹיסֶע כְּלַל אִין דִי תּוֹרָה; דִי אַנְדֶערֶע תַּלְמִידִים הָאבְּן זִיךְ נִישְׁט פַארְטְרָאגְן צְווִישְׁן זִיךְ דֶערְפַאר אִיז גָארְנִישְׁט גֶעבְּלִיבְּן פוּן זֵיי, זֶענֶען גֶעקוּמֶען דִי הֵיילִיגֶע תַּלְמִידִים רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי אוּן רֶבִּי מֵאִיר בַּעַל הַנֵּס מִיט דִי אִיבֶּערִיגֶע חֲבֵרִים אוּן **אַרַיין גֶעבְּרֶענְגְט אַ לִיבְּשַׁאפְט אֵיינֶעם צוּם צְוֵוייטְן**, זֵיי הָאבְּן אוֹיסְגֶערִיסְן דִי זַאךְ פוּן מַחְלוֹקֶת אוּן זִיךְ גְרוֹיסְן אֵיינֶער אוֹיפְ'ן צְוֵוייטְן, דָאס אִיז דִי גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה אִין דִי טֶעג. אַזוֹי וִוי מִיר גֶעפוּנֶען אִין זוֹהַר הַקָדוֹשׁ (נָשֹׂא קכח.) רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי הָאט גֶעזָאגְט פַאר זַיינֶע תַּלְמִידִים: "**אֲנָן בַּחֲבִיבוּתָא תַּלְיָא**", אוּנְזֶער זַאךְ אִיז אַז מִיר הָאבְּן זִיךְ לִיבּ אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן; רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי הָאט אַרַיין גֶעבְּרֶענְגְט אִין זַיינֶע תַּלְמִידִים אַז מֶען זָאל זִיךְ לִיבּ הָאבְּן אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן, פְלֶעגְט מוֹהֲרַ"א"שׁ זָאגְן אוֹיף דֶעם אַ שֵׁיינֶעם רֶמֶז: **אֲ'נַ'ן'** אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת: "**אַ'נְשֵׁי נַ'חַל נ'וֹבֵעַ - בַּחֲבִיבוּתָא תַּלְיָא**", אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ דַארְפְן זִיךְ הַאלְטְן צוּזַאמֶען אוּן זִיךְ לִיבּ הָאבְּן אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן.

**אוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט צוּגֶעלֵייגְט:** אַז מֶען טְרַאכְט אַרַיין וִוי אַזוֹי מֶען הָאט בַּאקוּמֶען דֶעם פֶּסַח שֵׁנִי זֶעט מֶען אַז מֶען הָאט דָאס בַּאקוּמֶען נָאר דוּרְךְ דֶעם וָואס דִי מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען גֶעוֶוען טָמֵא הָאבְּן גֶע'טַעֲנָה'ט אַז זֵיי ווִילְן אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּם קָרְבַּן פֶּסַח; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זָאגְט (לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת בִּרְכַּת הַפֵּרוֹת, הֲלָכָה ה, אוֹת טז) פוּן דֶעם זֶעט מֶען אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ שְׁרַייט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "**לָמָּה נִגָּרַע לְבִלְתִּי הַקְרִב אֶת קָרְבַּן ה'? - פַארְוָואס בִּין אִיךְ אַנְדֶערְשׁ? פַארְוָואס קֶען אִיךְ נִישְׁט זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, נָאר אִיךְ הַאלְט אִין אֵיין אַרָאפְּפַאלְן?!**" דַאן הֶעלְפְט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוּן עֶר אִיז זוֹכֶה צוּ בַּאקוּמֶען אַ פֶּסַח שֵׁנִי, **מֶען גֶעבְּט אִים נָאךְ אַ גֶעלֶעגְנְהֵייט אַרַיינְצוּקוּמֶען אִין דִי קְדוּשָּׁה.**



# א מַעֲשֶׂה
## פון א צדיק

### זִיךְ דֶערְהַאלְטְן אִין אַלֶע צַייטְן

אִין אוּמַאן אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער עוֹשֶׁר, וָואס עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען צוּם בּוּטְשֶׁער, צוּם בֶּעקֶערַיי אוּן צוּם גְרָאסֶערִי, אוּן אָפְּגֶעשְׁמוּעֶסְט מִיט זֵיי אַז אוֹיף זַיין חֶשְׁבּוֹן זָאלְן זֵיי אַרוֹיס גֶעבְּן יֶעדֶע וָואךְ פַאר אַלֶע אָרֶעמֶעלַייט וָואס וֶועלְן קוּמֶען מִיט אַ צֶעטְל פוּן אִים, אוּן עֶר הָאט דָאס בַּאצָאלְט, קֵיינֶער הָאט נִישְׁט גֶעוואוּסְט פוּן וואוּ עֶר בַּאצָאלְט דָאס, וַוייל עֶר הָאט גֶעהַאט אַ נָאמֶען פַאר אַ גַבַּאי צְדָקָה.

וַיְהִי הַיּוֹם, עֶס הָאט זִיךְ אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט דֶער רֶעדְל, עֶר הָאט שׁוֹין נִישְׁט גֶעהַאט קֵיין גֶעלְט צוּ גֶעבְּן, פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז וֶוען מֶען אִיז גֶעקוּמֶען אִין גְרָאסֶערִי, פִּישׁ סְטָאר אוּן אִין בֶּעקֶערִי, הָאט מֶען מֶער נִישְׁט אַרוֹיס גֶעגֶעבְּן פַאר דִי אָרֶעמֶעלַייט.

גְלַייךְ הָאט מֶען אִים בַּאפַאלְן, דוּ גַנָב! דִי גַזְלָן! דוּ קַארְגֶער! עֶר הָאט זִיךְ גֶעבֶּעטְן בַּיי זֵיי: "וָואס זָאל אִיךְ טוּהְן, וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט גֶעלְט צוּ גֶעבְּן הָאבּ אִיךְ דָאךְ גֶעגֶעבְּן, יֶעצְט הָאבּ אִיךְ נִישְׁט". אִין יֶעדֶע שׁוּהְל הָאט מֶען אִים פַארְטְרִיבְּן, בִּיז עֶר אִיז אַרַיין גֶעפַאלְן אִין אַ מָרָה שְׁחוֹרָה רַחֲמָנָא לִצְלָן, אוּן גֶעטְרַאכְט צוּ זִיךְ, אִיךְ הָאבּ דָאךְ גֶעהָאלְפְן אַלֶעמֶען, אוּן נִישְׁט גֶענוּג אִיךְ הָאבּ יֶעצְט פַארְלוֹירְן מַיין גַאנְצֶע פַארְמֶעגְן, אִיז מֶען מִיךְ נָאךְ מְבַזֶה מִיט דִי גְרֶעסְטֶע בִּזְיוֹנוֹת? אִיז עֶר אַזוֹי גֶעלִיגְן אִין אַ טִיפֶער דֶעפְּרֶעשָׂא"ן, אוּן עֶר אִיז נִישְׁט אַרוֹיס פוּן שְׁטוּבּ.

מֶענְטְשְׁן הָאבְּן גֶעקְלַאפְּט אִין פֶענְסְטֶער אוּן גֶעשְׁרִיגְן: "דִי גַנָב פַארְוָואס קוּמְסְטוּ נִישְׁט אַרוֹיס"! וָואס דָאס אִיז בֶּאֱמֶת זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער נִסָיוֹן, וַוייל עֶר הָאט דָאךְ יֶעדְן גֶעהָאלְפְן מִיט דִי גְרֶעסְטֶע מְסִירַת נֶפֶשׁ, אוּן דָא אִיז מֶען אַזאַ 'כְּפוּי טוֹבָה' וָואס דָאס אִיז דִי מִיאוּסְ'טֶע מִדָה.

בִּיז עֶס אִיז גֶעקוּמֶען אַ בְּרֶסְלְבֶ'ער חָסִיד צוּ אִים אוּן הָאט אִים גֶענוּמֶען אוֹיסְרֶעדְן: דֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט דִיר אוֹיסְפְּרוּבִּירְט מִיט אַ גְרוֹיסֶע עַשִׁירוּת, אוּן דוּ בִּיזְט בֵּייגֶעשְׁטַאנֶען דֶעם 'נִסָיוֹן הָעוֹשֶׁר' הוּנְדֶערְט פְּרָאצֶענְט, יֶעצְט פְּרוּבִּירְט דִיר דִי בַּאשֶׁעפֶער אוֹיס מִיט עֲנִיוּת, צוּ זֶעהְן וִוי אַזוֹי דוּ וֶועסְט זִיךְ יֶעצְט דֶערְהַאלְטְן, אוּן צוּ דַיין עֲנִיוּת הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נָאךְ צוּגֶעשְׁטֶעלְט אוֹיכֶעט אַז מֶען שְׁרֵייט דִיר נָאךְ, גַנָב! גַזְלָן! אוּן מֶען שְׁפֶּעט פוּן דִיר, אוּן מֶען רֶעדְט אוֹיף דִיר כָּל דָבָר אָסוּר, פַּאסְט דָאס דֶען דִיר אַז יֶעצְט זָאלְסְטוּ נִישְׁט בֵּיישְׁטֵיין דֶעם 'נִסָיוֹן הָעוֹנִי'? אוּן אַזוֹי הָאט עֶר אִים צוּגֶערֶעדְט אַז עֶר זָאל גֵיין אִין בֵּית הַמִדְרָשׁ דַאוֶוענֶען מִיט מִנְיָן. הָאט דֶער אִיד גֶעזָאגְט: "אִיךְ הָאבּ דָאךְ מוֹרָא אַז מֶען וֶועט אוֹיף מִיר אַרוֹיף טַאנְצְן"! הָאט אִים דֶער בְּרֶסְלְבֶ'ער חָסִיד גֶעזָאגְט: "שְׁוַוייג! אוּן מַאכְט דִיךְ נִישְׁט צוּטוּהְן, וַוייל דוּ וֵוייסְט דָאךְ אַז דוּ הָאסְט יָא גֶעטוּעֶן גוּט". אוּן אַזוֹי הָאט עֶר אִים אוֹיסְגֶערֶעדְט.

בִּיז עֶר הָאט אִים אַזוֹי מְחַזֵק גֶעוֶוען אַז עֶר אִיז גֶעוָוארְן בַּיי זִיךְ אוֹיפְגֶעבּוֹיט, אוּן אִיז שׁוֹין גֶעגַאנְגֶען אִין בֵּית הַמִדְרָשׁ, עֶר הָאט אָפְּגֶעשְׁוִויגְן אוֹיף אַלֶע בִּזְיוֹנוֹת. פַארְשְׁטֵייט זִיךְ וִויפִיל קֶען מֶען שׁוֹין מְבַזֶה זַיין אַ אִיד, אוּן צוּבִּיסְלֶעךְ זֶענֶען אַלֶע מִיד גֶעוָוארְן אִים צוּ רוֹדְפְ'ן, אַזוֹי אִיז עֶר צוּבִּיסְלֶעךְ גֶעקוּמֶען צוּ זִיךְ. אוּן נִישְׁט נָאר דָאס, נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהָאלְפְן אַז עֶס הָאט זִיךְ צוּרִיקְגֶעדְרֵייט דֶער גַלְגָל, אוּן עֶר אִיז גֶעוָוארְן צוּרִיק אַן עוֹשֶׁר. וַוייל עֲנִיוּת אוּן עַשִׁירוּת אִיז נָאר תָּלוּי אִין דֶעם מֹחַ פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, וַוייל בַּיים בַּאשֶׁעפֶער אִיז דָא גֶענוּג גֶעלְט.

(קונטרס "רעדן צום באשעפער")



# דעם רבי'נ'ס נסיעה

## קיין ארץ ישראל

קאפיטל 30

**פארזעצונג פון פריער:** עֶרֶב שַׁבָּת פַּרְשַׁת זָכוֹר דְרֵיי שָׁעָה צוּם זְמַן, זֶענֶען זֵיי אָנְגֶעקוּמֶען קַיין עַכּוֹ. שַׁבָּת הָאט מֶען פַּארְשְׁפַּארְט דִי טוֹיעֶרְן פוּן שְׁטָאט עַכּוֹ, אוּן סְ'אִיז גֶעפַאלְן אוֹיף זֵיי אַ גֶעפֶערְלִיכֶע פַּחַד. שַׁבָּת אִינְדֶערְפְרִי אִינְמִיטְן דַאוֶונֶען, אִיז דֶער שִׁיפְ'ס אַגֶענְט גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן אוּן גֶעזָאגְט אַז מְ'קֶען מֶער נִישְׁט טְרֶעפְן אַ שִׁיף פוּן רֶעגַאז, סְ'אִיז נָאר דָא אַ שִׁיף פוּן אַרַאבִּישֶׁע סוֹחֲרִים וָואס פָארְט קַיין אִיסְטַאנְבּוּל מִיט סְחוֹרָה. דֶער שִׁיפְ'ס אַגֶענְט אִיז טַאקֶע גְלַייךְ גֶעגַאנְגֶען אוּן גֶעקוֹיפְט אַ בִּילֶעט אוֹיפְ'ן שִׁיף.

...

דִי אַלֶע אַיינְוואוֹינֶער אִין הוֹיז וואוּ דֶער רֶבִּי אִיז אַיינְגֶעשְׁטַאנֶען הָאבְּן אַלֶע אוֹיסְגֶעשְׁטְרֶעקְט דִי הֶענְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זֵיי הָאבְּן גֶעוֵויינְט אוּן גֶעבֶּעטְן אַז זֵיי זָאלְן גֶערַאטֶעוֶועט וֶוערְן. דֶער רֶבִּי, מִיט זַיין בַּאגְלֵייטֶער ר' יִצְחָק, הָאבְּן זִיךְ כָּאטְשׁ גֶעטְרֵייסְט אַז זֵיי הָאבְּן שׁוֹין בִּילֶעטְן אוֹיף אַ שִׁיף אַהֵיימְצוּפָארְן, זֵיי הָאבְּן אָבֶער גֶעהַאט אוֹיךְ צַעַר אַז זֵיי הָאבְּן גָארְנִישְׁט צוּגֶעגְרֵייט עֶפֶּעס צוּ עֶסְן אוּן טְרִינְקֶען פַאר דִי וֶועג, וַוייל דִי גַאנְצֶע זַאךְ אִיז גֶעשֶׁען אַזוֹי פְּלוּצְלִינְג אַז מְ'מוּז שׁוֹין אַנְטְלוֹיפְן.

זֵיי הָאבְּן זִיךְ דֶערְמַאנְט אַז וֶוען זֵיי זֶענֶען אַרוֹיף אוֹיפְ'ן שִׁיף פוּן חוּץ לָאָרֶץ קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, הָאבְּן זֵיי גֶעהַאט אָנְגֶעגְרֵייט גֶענוּג אוּן נָאךְ עֶסְן פַאר אַ פִיר פִינְף חֳדָשִׁים, אַזוֹי וִוי מְ'נֶעמְט גֶעוֶוענְלִיךְ מִיט וֶוען מְ'לָאזְט זִיךְ אַרוֹיס אוֹיפְ'ן יַם, אָבֶער יֶעצְט הָאבְּן זֵיי מַמָשׁ גָארְנִישְׁט גֶעהַאט.



אלטע מויער געבליבן פון שטאט עכו

זוּנְטָאג פַּרְשַׁת צַו, י' אָדָר ב', אִיז נַאפָּאלְיָאן אָנְגֶעקוּמֶען נָאנְט צוּם שְׁטָאט עַכּוֹ, אוּן הָאט בַּאלַאגֶערְט דִי שְׁטָאט. דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְטֶערְגֶעיָאגְט ר' יִצְחָק אַז עֶר זָאל גֵיין מִיטְ'ן אַגֶענְט אַיינְקוֹיפְן עֶפֶּעס צוּ עֶסְן פַאר דִי וֶועג, זֵיי הָאבְּן אָבֶער שׁוֹין גָארְנִישְׁט גֶעטְרָאפְן וָואס צוּ קוֹיפְן אִין מַארְק, אוּן הָאבְּן זִיךְ צוּרִיק גֶעקֶערְט צוּם אַכְסַנְיָא.

דֶער רֶבִּי אִיז גֶעשְׁטַאנֶען דֶעמָאלְט אַיינְגֶעהִילְט אִין טַלִית וּתְפִלִּין אוּן הָאט גָארְנִישְׁט גֶעזָאגְט, אוּן ר' יִצְחָק הָאט זִיךְ אַרַיינְגֶעלֵייגְט אִין בֶּעט פוּן גְרוֹיס צַעַר אוּן שְׁרֶעק, אוּן עֶר הָאט אַיינְגֶעדְרִימְלְט, אוּן דֶער רֶבִּי בִּכְלַל נִישְׁט בַּאמֶערְקְט אַז ר' יִצְחָק לִיגְט דָארְט אוּן שְׁלָאפְט.

אִינְמִיטְן דֶעם גְרוֹיסְן פַּחַד פוּן דִי פְרַאנְצוֹיזִישֶׁע מִילִיטֶער וָואס בַּאלַאגֶערְט דִי שְׁטָאט מֶער אוּן מֶער, אִיז גֶעוָוארְן אַ גְרוֹיסֶע רַעַשׁ אִין שְׁטָאט, וַוייל דֶער פַּאשָׁא הָאט אַרוֹיסְגֶעגֶעבְּן אַ בַּאפֶעל אַז עֶר גֶעבְּט בְּלוֹיז צְוֵויי שָׁעָה צַייט פַאר אַלֶע מֶענְטְשְׁן אִין שְׁטָאט, אַז וֶוער סְ'קֶען נִישְׁט קֶעמְפְן אִין אַ מִלְחָמָה זָאל שׁוֹין פַארְלָאזְן דֶעם שְׁטָאט צוּם יַם, וַוייל סְ'אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין שׁוּם אָפֶענֶע וֶועג אַרוֹיס פוּן שְׁטָאט נָאר דוּרְכְ'ן יַם, אוּן דִי אַלֶע אִיבְּרִיגֶע מֶענְטְשְׁן וָואס וֶועלְן בְּלַייבְּן אִין שְׁטָאט נָאךְ צְוֵויי שָׁעָה, וֶועט מֶען אוֹיסְ'שֶׁחְטְ'ן רַחֲמָנָא לִיצְלָן. וַוייל דִי אַרַאבֶּער הָאבְּן גֶעוָואלְט מַאכְן מֶער פְּלַאץ אִין שְׁטָאט, אַז סְ'זָאל נִישְׁט זַיין אַזוֹי שְׁטַארְק אָנְגֶעלֵייגְט מִיט אַזוֹיפִיל מֶענְטְשְׁן.

מְ'קֶען זִיךְ פָארְשְׁטֶעלְן וָואסֶערֶע אִיבֶּערְקֶערֶענִישׁ דָאס הָאט גֶעמַאכְט אִין שְׁטָאט, עֶס הָאט זִיךְ גֶעטוּן קוֹלוֹת אוּן יְלָלוֹת, מִיט אַ שְׁרֶעקְלִיכֶער פַּחַד, אוּן דֶער רֶבִּי אִיז גְלַייךְ אַנְטְלָאפְן פוּן דִי אַכְסַנְיָא צוּם יַם, אוּן עֶר הָאט נִישְׁט מִיטְגֶענוּמֶען מִיט זִיךְ ר' יִצְחָק וַוייל עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוואוּסְט אַז עֶר שְׁלָאפְט דָארְט, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ אַרַיינְגֶעזֶעצְט אִין עֶפֶּעס אַ קְלֵיין שִׁיפְל. דֶערְוַוייל הָאט זִיךְ ר' יִצְחָק עֶרְוֶועקְט אוּן גֶעזֶען אַז דֶער רֶבִּי אִיז נִישְׁט אִין הוֹיז, עֶר הָאט גֶעוַוארְט אוּן גֶעוַוארְט אוֹיפְ'ן רֶבִּי'ן, אוּן אִינְצְוִוישְׁן אִיז עֶר אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען אִין הוֹיף אוּן גֶעזֶען וִוי יֶעדֶער וֵויינְט אוּן שְׁרֵייט גֶעפֶערְלִיךְ, סְ'אִיז גֶעוֶוען קוֹלוֹת וּבְרָקִים בִּיזְ'ן הִימְל.

דִי בַּאלֶעבָּאסְטֶע פוּן הוֹיז, וֶוען זִי הָאט גֶעזֶען ר' יִצְחָק, אִיז זִי גְלַייךְ גֶעקוּמֶען צוּ אִים אוּן גֶעזָאגְט, "אוֹי וֵויי, אִיךְ הָאבּ רַחֲמָנוּת אוֹיף אֵייעֶר יוּנְג לֶעבְּן, אִיר וֶועט דָאךְ דָא גֶע'הַרְגְ'ט וֶוערְן, מֵילָא אוּנְז הָאבְּן כָּאטְשׁ גֶעהַאט דָא גוּטֶע צַייטְן, דַארְפְן מִיר יֶעצְט אָנְנֶעמֶען דִי גְזֵירָה אוֹיף אוּנְזֶער שְׁטָאט, אָבֶער אוֹיף אַייךְ אִיז דָאךְ אַ גְרוֹיס רַחֲמָנוּת, אִיר וֶועט דָא פַארְלוֹירְן וֶוערְן פוּן אֵייעֶר גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה", אוּן אַזוֹי הָאט זִי וֶועט וַוייטֶער גֶערֶעדְט אַזֶעלְכֶע זַאכְן. ר' יִצְחָק הָאט זִיךְ זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן פוּן וָואס עֶר הָאט גֶעהֶערְט, אַז עֶר זִיךְ מַמָשׁ נִישְׁט גֶעקֶענְט רִירְן. עֶר הָאט אִיר גֶעפְרֶעגְט וואוּ דֶער רֶבִּי אִיז, הָאט זִי גֶעזָאגְט אַז זִי מֵיינְט אַז עֶר אִיז אַנְטְלָאפְן צוּם יַם.

קומענדיגע וואך אי"ה



# א סעודה מיט'ן ראש ישיבה

## שבת הגדול תשפ"ב

א בחור פון ישיבה פארציילט: די וואך האב איך געהאט די זכי' צו עסן "א סעודה מיט'ן ראש ישיבה שליט"א" איך האב פרובירט אראפשרייבן אביסל פון וואס איך האב מיטגעהאלטן צו קענען מיטטיילן די חשוב'ע ליינער.

### התבודדות אויפ'ן וועג אהיים

אויפן וועג אהיים פון שול, ווען דער ראש ישיבה איז ארויפגעגאנגען די זיבן שטאק טרעפ צום הויז, האט ער זיך אפגעשטעלט ביי יעדע שטאק און זיך מתבודד געווען אביסל, און דערנאך ווייטער געגאנגען. ווען מען איז אנגעקומען אינדערהיים האט דער ראש ישיבה אויסגערופן א פריילינכע "גוט שבת", און דערנאך געזעצט די בחורים וואס זענען געקומען צו די סעודה ביים טיש לויט די עלטער.

### נישט אויסרעדן נאך קידוש

מען האט אנגעהויבן די סעודה, דער ראש ישיבה האט געמאכט קידוש. נאך קידוש האט דער ראש ישיבה געטיילט גרעיפ דזשוס פאר יעדעם, ווען איינע פון די קינדער האבן אויסגערעדט גלייך נאך קידוש נאך פארן טרינקען פון די קידוש גרעיפ דשוס, האט דער ראש ישיבה אים געזאגט: "אויב מען רעדט נישט אויס נאך קידוש דארף מען נישט עקסטער מאכן א ברכה אויף די גרעיפ דזשוס, אבער אויב מען האט יא אויסגערעדט דעמאלטס דארף מען מאכן א ברכה.

נאך קידוש האט דער ראש ישיבה געוואשן אלע קינדער נטילת ידים. ביים עסן די חלה האט איינע פון די קינדער געבעטן נאך טאמעטא דיפ, האט דער ראש ישיבה אים געזאגט אז ער וועט קענען באקומען נאכן עסן די טשאלנט, אויב ער וועט נאך דעמאלטס זיין הונגעריג.

### דרך ארץ פאר עלטערן

דער ראש ישיבה האט געהייסן איינע פון די קינדער ער זאל גיין העלפן אריינברענגען די אייער, האט ער געענטפערט אז ס'איז נאך נישט גרייט. האט דער ראש ישיבה אים געזאגט זייער שטרענג: "ס'איז נישט קיין דרך ארץ אזוי צו זאגן פאר א טאטע, ווען א טאטע הייסט עפעס טאר מען נישט ענטפערן".

### געבן פאר די נישט גוטע

אינמיטן די סעודה האט דער ראש ישיבה געעפנט א באטל סעלצער, און געוויזן פאר די קינדער ווי ער גיסט אראפ אביסל, און דער ראש ישיבה האט מסביר געווען פארוואס ער טוט דאס: "מען דארף אראפגיסן אביסל פאר די נישט גוטע, ווייל זיי שטייען און ווילן אלעס צוכאפן, דערפאר מוז מען זיי עפעס געבן, אז נישט קענען זיי שעדיגן דעם מענטש. דאס איז אויך די סיבה פארוואס יום כיפור האט מען גענומען איין ציגעלע, און געשיקט לעזאזל, כדי צו געבן פאר די נישט גוטע, זיי זאלן נישט שטערן די הייליגע עבודה".

איינע פון די קינדער האבן געפרעגט אויב די נישט גוטע קענען אויך אויפעסן א הויז; האט דער ראש ישיבה געזאגט: "זיי קענען אלעס אויפעסן און חרוב מאכן, אבער דער עיקר דרייען זיי זיך אין א פלאץ וואו ס'איז שמוציג און נישט ריין; אויב דו ווילסט זיי זאלן נישט קומען, דארף מען אכטונג געבן צו זיין ריין און זויבער".

### פריילך מאכן ביי די סעודה

ביים סוף סעודה האט דער ראש ישיבה זייער פריילך געמאכט און געהייסן די קינדער זאגן 10 מאל די ווארט 'זרת'. נאכדעם האט דער ראש ישיבה זיי געפרעגט: "וויאזוי האט אחשורוש'ס ווייב געהייסן"? האבן די קינדער געזאגט "זרש". האט דער ראש ישיבה געזאגט: "ניין, אחשורוש'ס ווייב האט

<<<<

געהייסן ושתי", אלע קינדער האבן געלאכט עס איז געווען אזוי פריילך.

איך וועל זאגן דעם אמת, ס'איז געווען די ערשטע מאל וואס איך האב די זכיה צו עסן א סעודה ביים ראש ישיבה, איך האב אלץ געהערט פונעם ראש ישיבה אז מען זאל מאכן די סעודת שבת פריילך און געשמאק, אבער יעצט האב איך דאס געקענט מיטהאלטן פון דער נאנט.

נאכדעם האבן די קינדער געמאכט א שפיל, זיי האבן זיך פארשטעלט ווי פאליציי און האבן געבעטן דעם ראש ישיבה זיין לייסענס. דער ראש ישיבה האט מיטגעשפילט מיט זיי און אנגעהויבן רעדן רוסיש, און זיך געמאכט ווי ער פארשטייט נישט וואס זיי זאגן. זיי האבן געגעבן א טיקעט פאר'ן ראש ישיבה, האט דער ראש ישיבה זיי אנגעשריגן: "איך בין א באהאלטענע פאליס מיט א שטריימל, איך זוך אויף ווער עס איז א פאלטשע פאליס"! די קינדער זענען געווען זייער פריילך.

## זינגען מיט די קינדער ביים טיש

נאכדעם האט דער ראש ישיבה ארומגעטאנצן מיט די קינדער, "אמאל בין איך געגאנגען אין די ליכטיגע גאסן האב איך געטראפן א איד, האב איך אים געגעבן שלום עליכם האט ער געשריגן ס'איז גוט! **אוי ווי גוט צו זיין א איד, אוי ווי גוט צו זיין א איד"!!!**

בשעת מען האט געזינגען זמירות שבת האט דער ראש ישיבה געזאגט פאר די בחורים: "מען דארף זינגען זמירות שבת, עס איז זייער א וויכטיגע זאך, דאס איז א יסוד פאר א אידישע שטוב, און אזוי וועלן די קינדער זיין ערליכע אידן".

ווען מען האט געגעסן די טשאלנט האט דער ראש ישיבה געפרעגט די בחורים: "עסט האט'ס שוין אמאל געהאט אזא גוטע טשאלנט? דער ראש ישיבה האט אויסגעלויבט די עסן הויעך און געזאגט ישר כח פאר זיין ווייב.

## אויסרוימען דעם חמץ

מען האט ארייגעברענגט ביר צום טיש, און דער ראש ישיבה האט זיך אנגערופן אז מען זאל ברענגען אלע פלעשער ביר וואס איז נאך געבליבן, מען זאל אלעס אויסניצן, ווייל ביי אונז פארקויפט מען נישט קיין חמץ, און דער ראש ישיבה האט געזאגט פאר די בחורים: "ענק זאלן אויך אזוי טון, מענטשן גייען אריין אין א קטנות הדעת מען רוימט אויף די הויז מען קראצט מען רייבט די ווענט און די דאך, אבער מען פארקויפט די חמץ פאר א באטל ביר וואס קאסט נישטיגע צוויי דאלער".

דער ראש ישיבה האט פארציילט א מעשה וואס האט פאסירט ביים הייליגן מראה יחזקאל זכותו יגן עלינו, ער איז אמאל אנגעקומען אין א דארף ערב פסח, און דער דארפסמאן האט ארויסגעברענגט ביר צו טרינקען, האט אים דער הייליגער מראה יחזקאל געזאגט אז ביר איז חמץ, אבער דער דארפסמאן האט גע'טענה'ט אז נאר ברויט איז חמץ, ביר איז נישט קיין חמץ, ער ניצט ביר לכבוד פסח! האט דער צדיק אים געוויזן אין א סידור ביי די ברכה וואס מען זאגט בשעת מען איז בודק חמץ, מען זאגט אין די ברכה "אשר קדשנו במצותיו וצונו על 'ביעור' חמץ", זעהט מען אז ביר איז געהעריג חמץ! האט דער עם הארץ געזאגט: "יעצט זע איך אז דער רבי איז גערעכט, ביר איז טאקע חמץ"... **אזוי האט דער צדיק אים געקענט ראטעווען פון האבן חמץ אין שטוב.**

נאכדעם האט דער ראש ישיבה געזאגט פאר זיין קליינעם זון יוסף נרו יאיר ער זאל זאגן א תורה; דער ראש ישיבה האט אים געהייסן זיך אויפשטעלן אויף א בענקל, און ער האט אנגעפאנגען זאגן אלעס וואס מען טוט שבת, מען שטייט אויף צופרי'... מען גייט אין שול... מען עסט א סעודה... און דער ראש ישיבה האט צוגעלייגט און נאך די סעודה גייט מען שלאפן...

## שלאפן ערב שבת און שבת נאכמיטאג

דער ראש ישיבה האט געזאגט פאר די בחורים אז פרייטאג נאכמיטאג און שבת נאכמיטאג מוז מען לייגן די קינדער שלאפן, און נישט לאזן די קינדער זיך דרייען פריי, אסאך פראבלעמען מיט קינדער, פאסירן ערב שבת און שבת נאכמיטאג בשעת טאטע מאמע שלאפן, וואס דעמאלטס זענען די קינדער אויף הפקר רחמנא לצלן. נאכ'ן בענטשן האט דער ראש ישיבה געלייגט שלאפן אלע קינדער.

ביי מיר איז געווען א חידוש צו זען שבת הגדול אזא שיינע סעודה, איך האב געווארט צו זען ווען גייט שוין זיין "הפיכת השלחן"... עס איז געווען א הערליכע סעודה צום געדענקן.

# קלאסיפייד

ברסלב
שטיצט
ברסלב

## דירות אין שטעטל פאר שבתים

מנחם שטיינבערג – 347-461-2244

יעקב יאקאבאוויטש – 347-641-3618

יואל וועבערמאן – 845-662-8423

יצחק אייזיק ראטה – 347-668-6122

אברהם הערש וועבערמאן – 845-492-0566

ראובן בירנבוים – 347-549-5625


HURLEYVILLE LEASING

AUTO SALES & LEASING



- Luxury all inclusive Auto Broker
- Prices reduced below dealer invoiced rates
- Free expedited pickup and delivery nationwide
- Specializing in hard-to-locate cars
- Lowest rate insurance services included
- Most competitive prices with no hidden fees!

845-720-0041 | www.hurleyvilleleasing.com
Sales@hurleyvilleleasing.com


Electrolysis, Tinting, Waxing

Please call
N A Appeldorfer
845-537-9681

אסאך זוממער JOBS איז יעצט דא אוועילּיבעל.
אויב דארפט איר ארבעט פאר די זוממער, ביטע רופן ווי אמשנעלסטן

שלמה יאקאבאוויטש
845-637-5367

## Catskill Messenger Service

**מיר טראגן פעקלעך טעגליך**
קעטסקילס, בלומינגבורג, קרית יואל און מאנסי.
און צוריק ביינאכט
מאנסי, קרית יואל, בלומינגבורג, קעטסקילס, און קרית ברסלב ליבערטי.
פרובירט צו רופן א נאכט בעפאר
**ברוך אפעלדארפער**
914-705-9524

A daycamp right next to shtatel is looking for 4 counselors, And 2 babysitters, Including ladies and girls
A great working atmosphere, Enjoyable crowd, Providing transportation and nice pay, also looking for a steady driver
For more details call Tami Pinter
347-415-2888

## Catskil Professional Plaza

עס איז יעצט געווארן אוועליבעל אפאר אפיסעס, אינעם הערליכן אפיס בילדינג אין סענטער פון שטעטל, רופט ווילאנג עס איז נאך אוועליבעל.

אברהם אלי׳ פרידריך
646-938-2503

א דירה אין שטעטל צו פארדינגען פאר א שבת אדער פאר א קורצע צייט, אין די טווין ברידזש געגענט, נאנט צום בית המדרש עצתו אמונה.
אויך שטעלן מיר צו סעודת שבת קודש.

רופט לייבי ראטה
347-578-4449

ברסלב
שטיצט
ברסלב

# קלאסיפיידס

## Baby Gemach

Car seats, pack & play for newborns and toddlers, twin carriage, single stroller and more

Call Mishpachas Berenbaum
347-543-8313

## דירות פאר שבועות אין שטעטל

צו איינשטיין אין שטעטל פאר יום טוב שבועות הבא עלינו לטובה

ביטע רופן משפחת מזרחי
845-774-2426

מיר צושפרייטן אלע גליונות וואס קומען ארויס וועכנטליך דורך קהילת היכל הקודש אין אלע היימישע געגענטער, די זכות איז גאר גרויס.

צו נעמען א חלק ביטע רופט יענקי פיש
917-474-6118

## SPIFF CUTS

Haircuts for girls
Amazing prices on wash and sets
Call now to book your appointment

Libby Einhorn
929-214-9346

## KB Shuttle

Shuttle hours pick up
10:00,10:45,11:30,12:15,1:00,1:45,2:30

Starting this week order the shuttle by texting our NEW SHUTTLE line 845-206-9114 until 5 minutes before the route
Text your pick up address, drop off location and desired route
If you are planning a group trip out of shtetl or cheider call the manager to schedule
845-720-0847
Text manager to sign up to the shuttle group for more updates and important information

## BUY AND SAVE - שטעטל באזאר

*Store hours*

*daily from 10:00 a.m. Till 7:00 p.m*

*Friday 10:00 a.m. Till 2:00 p.m*

*Special Monday night hours open till 10:00 p.m*

*Drop off is the same as the shopping hours*




# אִיךְ קֶען אוֹיךְ זַיין אַ צַדִיק

קִינְדֶער, וֶוער וֵוייסט ווי אַזוֹי מֶען וֶוערְט אַ צַדִיק?

די קִינְדֶער שְׁרַייעֶן אַלֶע: "אַז מֶען רֶעדְט צוּם אייבֶּערְשְׁטְן!"

זֵייעֶר גוּט, אַז מֶען רֶעדְט צוּם אייבֶּערְשְׁטְן וֶוערְט מֶען אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק, אַזוֹי הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט, עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק וַוייל עֶר הָאט אַסַאךְ גֶערֶעדְט צוּם אייבֶּערְשְׁטְן. פוּן וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ קְלֵיין קִינְד, הָאט עֶר זֵייעֶר אַסַאךְ גֶעוֵויינְט צוּם אייבֶּערְשְׁטְן, בִּיז עֶר אִיז גֶעוָוארְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק.




אִיךְ ווִיל אוֹיךְ שְׁפִּירְן אַ טַעַם אִינֶעם שַׁבָּת

דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט, וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ קְלֵיין קִינְד הָאט עֶר זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעוָואוּלְט שְׁפִּירְן אַ טַעַם אִין שַׁבָּת קוֹדֶש, פְרַייטָאג נָאכְמִיטָאג אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען זִיךְ טוֹבֵל'ען אִין מִקְוֶה לִכְבוֹד שַׁבָּת קוֹדֶש אוּן עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען אִין שׁוּל, עֶר הָאט גֶעוָואוּלְט עֶפֶּעס טוּן כְּדֵי זוֹכֶה זַיין צוּ שְׁפִּירְן אַ טַעַם אִין שַׁבָּת. אֵיינְמָאל הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזֶען אַ אִיד זָאגְן שִׁיר הַשִּׁירִים בַּיי זַיין שְׁטֶענְדֶער, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעטְרַאכְט 'אִיךְ ווִיל אוֹיךְ שְׁפִּירְן אַ טַעַם אַזוֹי ווי דֶער אִיד וָואס זָאגְט שִׁיר הַשִּׁירִים אַזוֹי בַּאטַעמְ'ט', הָאט עֶר זִיךְ אַרַיינְגֶעזֶעצְט אִינֶעם שְׁטֶענְדֶער, דֶער אִיד הָאט זִיךְ נִישְׁט ווִיסְנְדִיג גֶעמַאכְט, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעטְרַאכְט אַז דָאס אִיז מָאדְנֶע, וָואס זִיצְט אַ קִינְד אִינֶעם שְׁטֶענְדֶער? עֶר הָאט גֶעטְרַאכְט אַז דָאס אִיז די וֶועג פוּן קְלֵיינֶע קִינְדֶער, זֵיי שְׁפִּילְן זִיךְ, זֵיי טוּעֶן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאכְן.

אָבֶּער דֶער רֶבִּי הָאט דָאס נִישְׁט גֶעטוּן אַלְץ נַארִישֶׁע קִינְדְרִישֶׁע זַאכְן, דֶער רֶבִּי אִיז גֶעזִיצְן אִינֶעם שְׁטֶענְדֶער אוּן גֶעוֵויינְט, עֶר הָאט גֶעוֵויינְט: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ ווִיל אוֹיךְ שְׁפִּירְן אַ טַעַם אִינֶעם שַׁבָּת, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ ווִיל זַיין אַ צַדִיק", דֶער רֶבִּי אִיז דָארְט גֶעזִיצְן אַ לַאנְגֶע צַייט.

דֶער אִיד הָאט פַארְגֶעסְן אַז דֶער רֶבִּי זִיצְט דָארְט, בִּיז וֶוען עֶס אִיז שׁוֹין גֶעוָוארְן שְׁפֶּעט בַּיינַאכְט, דֶעמָאלְט אִיז דֶער רֶבִּי אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט גֶעשְׁפִּירְט ווי עֶר זֶעט אַ גְרוֹיסֶע לִיכְטִיגְקֵייט פוּן זִיצְן אַזוֹי לַאנְג אִין די טוּנְקְל.

אַלֶע קִינְדֶער וָואס וֶועלְן טוּן וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעטוּן, אִיר וֶועט גֵיין אִין אַ שְׁטִילֶע פְּלַאץ בֶּעטְן דֶעם אייבֶּערְשְׁטְן, וֶועלְן אַלֶע וֶוערְן גְרוֹיסֶע צַדִיקִים.

# טרעף
די פאלגנדע ווערטער

# טרעף 5 מאל

## רבי שמעון בר יוחאי

| | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| פ | מ | ח | ש | מ | ס | ז | ד | ש | ע | ש | ר | ז | ו | ע | ג | א | צ | ד | ה | ר | ע | ג | י |
| ת | ג | ד | ד | ח | י | ט | נ | ר | א | ה | ב | ז | ב | צ | ט | ל | ה | ג | ת | ב | ר | ס | נ |
| י | ג | י | ט | פ | ת | ט | ר | י | כ | ח | מ | ר | כ | ה | ז | ח | כ | ל | ה | י | ש | ר | ו |
| ש | ע | ד | ו | ש | ש | צ | ב | ר | ק | פ | ס | ד | ד | ת | ו | ס | ח | ש | ר | כ | י | ח | ע |
| ד | נ | נ | צ | ח | ו | ר | ר | ז | ג | ת | ב | ש | כ | ר | ר | פ | ש | ת | ט | ל | ת | ש | מ |
| מ | ש | ה | ע | ד | א | מ | ב | ז | צ | ו | נ | ל | ה | צ | ב | צ | א | י | י | ק | ז | א | ש |
| י | ק | פ | ש | ב | ס | י | ש | ק | ו | ש | ס | נ | ח | ר | י | י | ו | ה | מ | נ | ט | ז | פ |
| א | ש | ב | ר | מ | ת | ב | מ | ת | נ | ע | ק | ב | מ | ע | ש | ד | פ | א | ח | י | י | ד | ק |
| ח | ד | ג | ר | מ | ע | י | ע | ר | ב | ו | ד | ט | ט | מ | נ | ט | ל | ב | א | ג | ק | צ | ג |
| ו | נ | פ | ב | ז | ג | ו | ו | א | ה | ש | ב | ז | ע | ב | צ | א | ד | ח | ח | ח | נ | צ | כ |
| י | ז | ת | כ | ע | ל | ח | נ | ו | ע | מ | ש | ו | פ | י | י | י | ו | י | י | ו | ח | א | י |
| ש | כ | ב | י | ג | צ | א | כ | ח | ר | ק | נ | ה | ד | ה | ז | י | א | ע | ב | י | ע | ו | ח |
| א | צ | א | ר | ר | ב | י | ד | י | ד | ט | ח | ו | צ | ר | פ | ז | ש | ג | ר | ר | ג | נ | ס |

העלף

נחמן

נתן

אנקומען

צו מירון











# א שיעור מיטן רבי'ן

## אמת

**כב.** מִי שֶׁרָחוֹק מֵאֱמֶת, רָחוֹק מִצְּדָקָה.

**טייטש.** וֶוער עֶס אִיז וַוייט פוּן אֱמֶת, אִיז וַוייט פוּן צְדָקָה.

# סודאקא

| | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|
| | | | 1 | | |
| | 6 | | | | |
| | | | | | 4 |
| 3 | | | | | 2 |
| | | | | 6 | |
| | | 1 | 2 | 5 | |

| | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| 4 | | 1 | 8 | | 5 | 6 | | 2 |
| 2 | | 6 | | | | 5 | | 4 |
| 7 | | | 4 | 2 | 6 | | | 3 |
| | 1 | 7 | | | | 4 | 2 | |
| 5 | | | | | | | | 7 |
| | 6 | 4 | | | | 3 | 1 | |
| 3 | | | 7 | 5 | 1 | | | 6 |
| 6 | | 5 | | | | 2 | | 1 |
| 1 | | 9 | 2 | | 3 | 7 | | 8 |



# חידות אפטיילונג

**רבי שמעון בר יוחאי האט געזאגט פאר זיינע תלמידים, אונזער זאך איז**

**א. זיין פרייליך**

**ב. מען זאל ליב האבן איינער דעם צווייטן**

**ג. געבן צדקה**

**ד. גיין אין מקוה יעדן טאג**

שאלה און ענטפער פון פאריגע וואך:

שאלה: **ווערלכע סארט חלה מאכט מען די וואך?**

ענטפער: שליסל חלה

דער געווינער פון פאריגע וואך איז
**חיים מאיר יאקאבאוויטש נ"י - בארא פארק**
שיקט אריין די ענטפערס **מיט אייער נאמען** צו 845-379-1161

# האסטו דורך געלערנט עצתו אמונה פרשת אחרי?

## פון רעכטס צו לינקס.

2. משיח וועט איינגעמען די וועלט מיט _____, מיט אמונה
3. אכצן פרקים משניות, דאס איז די בעסטע _____
4. שוין גענוג _____, יעצט הויב אן דאנקען דעם אייבערשטן
8. שטארקט זיך באמונה פשוטה, צינדט אן אין _____ ניגוני אמונה
10. _____ איז מסוגל צו תשובה
13. דער אייבערשטער וויל מיר זאלן _____ פון אים
15. דאנקען דעם אייבערשטן עפנט אויף מער _____ אין הימל פאר ישועות
16. פסח איז נישט _____, פסח איז אריין
17. אז מען היט די אויגן, קומט שפע אין צייט
19. איין קבלה טובה נעמט זיך פאר צו _____ דעם אייבערשטן יעדן טאג
20. אויב פארגעסט מען צו בעטן דעם _____, וועט מען נישט מצליח זיין

## פון אויבן אראפ.

1. ווען עס קומט ברוחניות טאר מען נישט זיין _____
5. _____ די קינדער מיט אמונה, מיט קדושה, און מיט יראת שמים
6. רעדט נאר צו אייער _____, דער הייליגער באשעפער
7. ווען מען איז _____ דעם רבי'ן, איז מען זיך מתקן
9. תלמידות _____ _____ רעדן פון אנדערע סארט וויטאמינען
11. איך בעט דיר זייער זאלסט צוריק אנהויבן _____ דיינע שיעורים
12. דער רבי האט אונז זייער געווארנט צו האלטן _____ די ווייב
14. איר קענט זיין חברים, אבער מען מוז שפילן מיט _____ _____
18. נישטא קיין שום זאך אין די _____ וואס געשעט פון זיך אליין



# בילדער
## אפטיילונג



תלמוד תורה אין שטעטל ביי מאכן די ברכה אויף די ביימער - א' קדושים תשפ"ב



כיתה ט' אין שטעטל ביי מאכן די ברכה אויף די ביימער - א' קדושים תשפ"ב



תלמוד תורה היכל הקודש וויליאמסבורג ביי מאכן די ברכה אויף די ביימער - ה' אחרי ב' תשפ"ב



טעגליכע דף גמרא שיעור אין שטעטל פארגעלערנט דורך דעם דיין שליט"א





לחיים / ווארט / תנאים פון החתן גדלי' אפפעל נ"י בן ר' אייזיק אפפעל הי"ו עב"ג ר' יואל יצחק גברא הי"ו

# בילדער ארכיוון

## תלמוד תורה היכל הקודש אין די ערשטע יארן



די קינדער אויף די באס



אין פארק




די קינדער שטייען אין פארנט פונעם ערשט'ן באס



המלמד ר' אשר יעקב בלום הי"ט מיט די קינדער



המלמד ומנהל ר' מרדכי אינדיג הי"ו מיט ד לערנט מיט די קינדער די ערשטע יאר פון תלמוד תורה



המלמד ר' מרדכי יונה שיק הי"ו, מנהל ר' מרדכי אינדיג הי"ו, מיט דער ראש ישיבה שליט"א, ביי לאנטש מיט די קינדער

# בילדער
## ארכיוון

# תלמוד תורה היכל הקודש אין די ערשטע יארן



המלמד ר׳ יונתן שווארץ הי״ו לערנט מיט די קינדער




ערשטע ווען



אפשערן פון נפתלי נ״י בן ר׳ עזרא בוים הי״ו



אפשערן פון שלום נ״י בן ר׳ משה ארי׳ שניטצלער הי״ו



הערשי בוים נ״י (יבנאל) לערנט משניות אין פארק




פנחס דוד וועבערמאן נ״י אהערגעשטעלט א ברסלב׳ע באס